בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קע"ג

מוסדות היכל הקודש בּרסלב

פרשת בראשית
שנת תשפ"ז

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - דִי חָכְמָה פוּן מְחַנְּכִים -

#### וֶוען אַ קִינְד קוּמְט שְׁפֶּעט

אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט אָן שְׁפֶּעט אִין כִּתָּה, לְמָשָׁל צְוֶועלְף אַזֵייגֶער, טָאר מֶען אִים נִישְׁט בַּאזַייטִיגְן אָדֶער אִים אָנְקוּקְן מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג.

אוֹיבּ מֶען וִויל שׁוֹין יָא קוּקְן מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט, וָואלְט מֶען דָאס עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט טוּן צוּ דִי עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים נִישְׁט גְרֵייט גֶעמַאכְט אִין צַייט. אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן אוֹיךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל עֶס קֶען זִיךְ דָאךְ מַאכְן בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אַז אִינְדֶערְפְרִי זָאל זַיין אַ צֶעפָּארֶענִישׁ אִינְדֶערְהֵיים; דָאס קֶען פַּאסִירְן אֲפִילוּ בַּיים מְחַנֵּךְ אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים.

אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז בַּיי אַייךְ אִינְדֶערְהֵיים אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁטָא קַיין צֶעפָּארֶענִישׁ, אִיר פִירְט אַייעֶר שְׁטוּבּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין אוּן דִי קִינְדֶער גֵייעֶן שׁוֹין שְׁלָאפְן זִיבְּן אַזֵייגֶער, דַארְפְט אִיר אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין אַז נִישְׁט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אַרְבֶּעט עֶס אַזוֹי. בַּיי אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת גֵייט מֶען עֶרְשְׁט שְׁלָאפְן צְוֶועלְף אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט, וָואס זָאלְן זֵיי טוּן? מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט טוֹישְׁן דֶעם מֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

דֶער מְנַהֵל אָדֶער דִי אָפִיס שְׁטַאבּ זֶענֶען פַארַאנְטְוָוארְטְלִיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס שְׁפֶּעטִיגְן; אוֹיבּ זֵיי וִוילְן, קֶענֶען זֵיי זִיךְ אָפְּגֶעבְּן דֶערְמִיט. אָבֶּער דֶער מְחַנֵּךְ וָואס זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער אִין כִּתָּה, דַארְף אוֹיפְנֶעמֶען יֶעדְן קִינְד מִיט אַ בְּרֵייטְן שְׁמֵייכְל - אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צְוֶועלְף אַזֵייגֶער אָדֶער שְׁפֶּעטֶער.

וֶוען אַ קִינְד קוּמְט אָן שְׁפֶּעט, קוּמְט זִיךְ אִים בֶּאֱמֶת אַ גְרֶעסֶערֶע שְׁמֵייכְל וִוי פַאר דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען יֶעדְן טָאג פִּינְקְטְלִיךְ אִין צַייט וִוי לָאנְדָאנֶער סָאלְדַאטְן. וַוייל דִי פִּינְקְטְלִיכֶע קִינְדֶער הָאבְּן דָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט טוּן כְּדֵי אָנְצוּקוּמֶען אִין צַייט, זֵייעֶר גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז דָאךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַ מְסוּדָר'דִיגְן סֵדֶר; אָבֶּער דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אָן שְׁפֶּעט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְט אָנְשְׁטְרֶענְגֶען כְּדֵי בִּכְלַל אָנְצוּקוּמֶען, דֶערְפַאר קוּמְט זִיךְ זֵיי אַ שְׁמֵייכְל.

#### קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט לְכַתְּחִילָה שְׁפֶּעט

דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף אַ גַבְּאַי אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וִויסְן; אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אָנְקוּמֶען אִין שׁוּל פִּינְקְטְלִיךְ אִין צַייט, דַארְפְסְטוּ אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אָן שְׁפֶּעט, אוּן זֵיי חָלִילָה נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן צוּלִיבּ דֶעם.

אַ גַבְּאַי פוּן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט צוּ מִיר: **"אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר אִין שׁוּל בְּעֶרֶךְ צְוָואנְצִיג מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אָן 'לְכַתְּחִילָה' צוּ מוּסָף, כְּאִילוּ זֵיי קוּמֶען נָאר פַארְן קִידוּשׁ וָואס מֶען שְׁטֶעלְט צוּ נָאכְן דַאוֶונֶען...**" הָאבּ אִיךְ אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: **"אַזוֹי קוּקְסְטוּ אוֹיף זֵיי, אַז זֵיי קוּמֶען 'לְכַתְּחִילָה' צוּ מוּסָף?! אַ גַבְּאַי טָאר נִישְׁט הָאבְּן אַזַא בְּלִיק אוֹיף זַיינֶע מִתְפַּלְלִים! זֵיי קוּמֶען נִישְׁט לְכַתְּחִילָה צוּ מוּסָף; זֵיי וָואלְטְן זֵייעֶר גֶערְן גֶעוָואלְט זַיין אִין דַיינֶע שִׁיךְ, אַרוּמְגֵיין מִיט דַיינֶע וַוייסֶע הֶענְטְשְׁקֶעס אוּן זַיין אַזוֹי מְסוּדָר וִוי דִיר, זֵיי קוּמֶען פָּשׁוּט פוּן אַנְדֶערֶע סָארְט שְׁטִיבֶּער וואוּ מֶען הָאט נִישְׁט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט צוּ זֵיי אָדֶער זֵיי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דַאוֶונֶען אִין צַייט, אָדֶער צוּלִיבּ אַנְדֶערֶע סִיבּוֹת".**

#### נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ צוּ פַארְפַאסְן לִימוּדִים אִין שׁוּלֶע

אָפְּגֶערֶעדְט פוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּמֶען אָן שְׁפֶּעט אִין שׁוּלֶע, אִיז זִיכֶער נִישְׁטָא קַיין שׁוּם סִיבָּה זִיךְ צוּ רֶעגְן אוֹיף זֵיי. וָואס הָאט דָאס קִינְד דֶען פַארְפַאסְט פוּן דִי לִימוּדִים? אַבִּיסְל חֶשְׁבּוֹן אָדֶער שְׁרַייבְּן? עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ.

מַיין מַאמֶע זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק דֶערְצֵיילְט מִיר, אַזוֹי וִוי זִי הָאט דָאךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה מִיט עֶלְף טֶעכְטֶער בְּלִי עַיִן הָרָע, אוּן זִי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, הָאט זִי גֶעדַארְפְט הָאבְּן דִי הִילְף פוּן דִי גְרוֹיסֶע מֵיידְלֶעךְ אִינְדֶערְהֵיים. דֶערְפַאר פְלֶעגְן מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס קוּמֶען אוּן גֵיין וֶוען מֶען הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים. לְמַעֲשֶׂה פְלֶעגְט מֶען כְּסֵדֶר אַהֵיימְשִׁיקְן מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס פוּן שׁוּלֶע, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיט גֶעהַאלְטְן דִי לִימוּדִים. מַיין מַאמֶע פְלֶעגְט וֵויינֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי דִי הַנְהָלָה מֶען זָאל לָאזְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען אִין שׁוּלֶע, אֲפִילוּ אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען נִישְׁט רֶעכֶענֶען אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי לִימוּדִים.

וֶוען מַיין מַאמֶע הָאט גֶעעֶנְדִיגְט חֲתוּנָה מַאכְן אִיר עֶלְפְטֶע טָאכְטֶער, הָאט זִי גֶעמַאכְט אַ סְעוּדַת הוֹדָאָה. עֶס זֶענֶען גֶערִינֶען טְרֶערְן פוּן אִירֶע אוֹיגְן

אוּן זִי הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי אִיז שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דִי שׁוּלֶעס. זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט: **"דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל פֶּעסֶער טְרֶערְן אִיךְ הָאבּ פַארְגָאסְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי שׁוּלֶעס הָאבְּן אַלְץ אָפְּגֶעטוּן מִיט מִיר; מֶען הָאט מִיךְ פָּשׁוּט גֶעשִׁינְדְן דִי הוֹיט".**

אֵיין מָאל הָאט מֶען אָנְגֶערוּפְן מַיין מַאמֶע זָאגְן אַז מַיין קְלֵיינֶע שְׁוֶועסְטֶער קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּלֶע וַוייל זִי קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט רֶעכֶענֶען - זִי פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס צְוֵויי עֶפְּל, אֵיינְס מִיט אֵיינְס, אִיז צְוֵויי. הָאט מַיין מַאמֶע זֵיי גֶעזָאגְט: **"וָואס גֵייט עֶס אַייךְ אָן? זִי שְׁטֶערְט דֶען אִין כִּתָּה? זִי מַאכְט פְּרָאבְּלֶעמֶען? נֵיין! אוֹיבּ אַזוֹי, וָואס ווִילְט אִיר פוּן אִיר? לָאזְט אִיר זִיצְן אִין כִּתָּה, זִי וֶועט נָאךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ".** אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זִי הָאט טַאקֶע חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

אָבֶּער דִי מַעֲשֶׂה עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט דָא. שְׁפֶּעטֶער הֶער אִיךְ פוּן מַיין שְׁוֶועסְטֶער אַז מֶען טוּט דָאס זֶעלְבֶּע מִיט אִירֶע קִינְדֶער; מֶען זָאגְט אִיר אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּלֶע וַוייל זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹן...

## וַוארְטְן פַאר מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט אַ קִינְד

טַייעֶרֶע מְחַנְּכִים, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ וַוארְטְן אַ טָאג פַאר מֶען ווִיל בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד, וַוייל אַסַאךְ מָאל שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּם סוֹף אַרוֹיס אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ ווִי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אִין אָנְהֵייבּ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין אַ שׁוּלֶע. אַ לֶערֶערִין הָאט אוֹיסְגֶעטֵיילְט צֶעטְלֶעךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן גֶעהֵייסְן יֶעדְן אֵיינֶעם אָפְּשְׁרַייבְּן אַ מַעֲשֶׂה אָדֶער אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וֶועגְן אַ בַּאבֶּע. עֶס אִיז דוּרְךְ צְוֵויי מִינוּט, אוּן אֵיין קִינְד שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף פוּן אִיר פְּלַאץ, זִי וַוייזְט אִיר צֶעטְל אוּן זָאגְט אַז זִי הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט שְׁרַייבְּן. דִי לֶערֶערִין קוּקְט אַרַיין אִינֶעם צֶעטְל אוּן זֶעט אַז דָאס קִינְד הָאט בְּלוֹיז אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער דִי גַאנְצֶע אִיבְּרִיגֶע חֵלֶק פוּנֶעם צֶעטְל אִיז סְתַּם אָנְגֶעקַאטְשְׁקֶעט.

דִי לֶערֶערִין הָאט גְלַייךְ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'דָאס קִינְד אִיז אַ מְחֻצֶּפֶת, מֶען דַארְף אִיר גוּט בַּאשְׁטְרָאפְן אָדֶער אַרוֹיסְשִׁיקְן פוּן כִּתָּה'. אָבֶּער זִי הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעכַאפְּט: 'וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ מוּז דָאס שׁוֹין יֶעצְט מְסַדֵּר זַיין? אִיךְ קֶען דָאךְ צוּוַאוַוארְטְן בִּיז מָארְגְן, אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט אוֹיסְפֶעלְן צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג, וֶועל אִיךְ עֶס דֶעמָאלְט טוּן מִיט מֶער יִשּׁוּב הַדַּעַת'.

דֶערְפַאר הָאט זִיךְ דִי לֶערֶערִין אָנְגֶערוּפְן צוּם קִינְד: **"בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דוּ הָאסְט דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם צֶעטְל; אִיךְ זֶע אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן, אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ דִיר הֶעלְפְן שְׁרַייבְּן? זָאל אִיךְ דִיר אֶפְשָׁר דֶערְמַאנֶען אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פוּן דַיין בַּאבֶּע?"** דָאס קִינְד הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט "נֵיין", אוּן דִי לֶערֶערִין הָאט אִיר צוּרִיקְגֶעשִׁיקְט צוּ אִיר פְּלַאץ.

בַּיינַאכְט הָאט דִי לֶערֶערִין אָנְגֶערוּפְן דִי מַאמֶע אוּן דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט יֶענֶעם טָאג. הָאט אִיר דִי מַאמֶע דֶערְצֵיילְט: **"נֶעכְטְן, וֶוען מַיין טָאכְטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם צוּ שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס וֶועגְן דִי בַּאבֶּעס, הָאבּ אִיךְ זִיךְ 'בְּטָעוּת' אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע יִחוּס (עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי פוֹיגְלְדִיג מִיט יֶענֶע בַּאבֶּע וְכוּ'). אִיךְ הָאבּ זִיךְ גְלַייךְ גֶעכַאפְּט אַז אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אִיבְּרִיג, אָבֶּער מַיין טָאכְטֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז: 'וָואס מֵיינְט דָאס אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע יִחוּס? וָואס זָאל אִיךְ מָארְגְן שְׁרַייבְּן אוֹיפְן צֶעטְל?'"**

הֶערְנְדִיג דֶעם עֶנְטְפֶער, הָאט דִי לֶערֶערִין גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם נֵס אַז זִי הָאט צוּגֶעוַוארְט אוּן נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְט אָדֶער פַארְשֶׁעמְט דָאס קִינְד. זִי הָאט אַיינְגֶעזֶען אַז דָאס קִינְד אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען פַארְוֵוייטָאגְט פוּן דֶעם וָואס דִי מַאמֶע הָאט אִיר 'בְּטָעוּת' גֶעזָאגְט, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי סִיבָּה פַארְוָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁרַייבְּן גֶעהֶערִיג אוּן בְּלוֹיז אָנְגֶעקַאטְשְׁקֶעט דֶעם צֶעטְל.

## ווּאוֹיל זֶענֶען דִי מְחַנְּכִים

סְפֶּעצִיעֶל דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין דִי טַייעֶרֶע מְחַנְּכוֹת וָואס גֶעבְּן אַוֶועק פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט אוּן קוּמֶען אַרְבֶּעטְן אִין אַ שׁוּלֶע; נִישְׁט קַיין חִילּוּק וֶועלְכֶע אַרְבֶּעט זֵיי הָאבְּן אִין שׁוּלֶע, צִי זֵיי לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אָדֶער זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיס מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, ווִי לְמָשָׁל אַ סֶעקְרֶעטַארִין, אַ בָּאס לֶערֶערִין, אָדֶער אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט אִין אָפִיס - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס הָאט נָאר אַ שַׁייכוּת מִיטְן בּוֹיעֶן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת כג.): פְרוֹיעֶן זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָּב צוּ צִינְדְן חֲנוּכָּה לֶעכְט אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין מַאן וָואס זָאל צִינְדְן פַאר זֵיי, **"שֶׁאַף הֵן הָיוּ בְּאוֹתוֹ הַנֵּס"**, ווִיבַּאלְד דֶער גַאנְצֶער נֵס חֲנוּכָּה אִיז גֶעשֶׁען דוּרְךְ אַ פְרוֹי (עַיֵּין רַשִׁ"י דִּבּוּר הַמַּתְחִיל הָיוּ בְּאוֹתוֹ הַנֵּס). [וֶוען דֶער רָשָׁע אֱלִיפוֹרְנִי, וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער פִירֶער אוּן דִיקְטַאטוֹר פוּן יָוָן, הָאט גֶעוָואלְט זִינְדִיגְן מִיט דִי צַדֶּקֶת יְהוּדִית, דִי טָאכְטֶער פוּן יוֹחָנָן כֹּהֵן גָּדוֹל, הָאט זִי אִים אוֹיסְגֶענַארְט; זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן קֶעז כְּדֵי עֶר זָאל וֶוערְן דָארְשְׁטִיג אוּן טְרִינְקֶען אַסַאךְ וַויין, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן שִׁיכּוֹר אוּן אִיז אַנְטְשְׁלָאפְן גֶעוָוארְן. וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן, הָאט זִי גֶענוּמֶען זַיין שְׁוֶוערְד אוּן מִיט אַ הֶעלְדִישְׁקֵייט אִים אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם קָאפּ אוּן דָאס גֶעבְּרֶענְגְט קַיין יְרוּשָׁלַיִם. וֶוען זַיין אַרְמֵיי הָאט גֶעזֶען אַז זֵייעֶר פִירֶער אִיז טוֹיט, זֶענֶען זֵיי אַלֶע אַנְטְלָאפְן פַאר גְרוֹיס שְׁרֶעק]. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים לְגַבֵּי אַנְדֶערֶע יָמִים טוֹבִים, ווִי לְמָשָׁל פֶּסַח (עַיֵּין פְּסָחִים קח.) אוּן פּוּרִים (עַיֵּין מְגִילָּה ד.), אַז פְרוֹיעֶן זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָּב אִין דִי מִצְוֹת הַיּוֹם, ווִיבַּאלְד דֶער גַאנְצֶער נֵס אִיז גֶעשֶׁען דוּרְךְ דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת.

וְכֵן בְּכָל דּוֹר וְדוֹר; אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס גֶעבְּן זִיךְ אִיבֶּער אוּן קוּמֶען אַרְבֶּעטְן מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער אִין דִי שׁוּלֶעס, אוּן אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען (עַיֵּין מִדְרָשׁ זוּטָא רוּת ד, יא).

ווּאוֹיל אִיז פַאר דִי מְחַנְּכִים וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה אוּן זוּכְן נִישְׁט צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער פַאר קַיין מְחוּצָפִים, נָאר זֵיי נֶעמֶען אוֹיף יֶעדְן קִינְד מִיט אַ שְׁמֵייכְל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי זִיכֶער הֶעלְפְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער.

## ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ ווִילְד אִינְגֶל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶרע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים ווֶעלְכֶע הֶעלְפְן אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס אִין לֶעבְּן.

מִיר הָאבְּן גֶעווָאלְט פְרֶעגְן ווֶעגְן אוּנְזֶער פִינְף יֶערִיג אִינְגֶל. עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁווֶער אַיינְצוּזִיצְן סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי אִין חֵדֶר, אוּן אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט עֶר צוּ הֶערְשְׁן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן. ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים? מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מִיט גוּטְנְס, אִים צוּ גֶעבְּן בַּאלוֹינוּנְגֶען אוּן דָאס גְלַייכְן ווֶען עֶר אִיז ווָאוֹיל, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן.

אוֹיךְ הָאט עֶר לִיבּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים, הָאבְּן מִיר גֶעווָאלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי מִיר זָאלְן אִים שִׁיקְן צוּ אַ פְּלַאץ ווָאוּ מֶען קֶען שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים, ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל הִינֶער אוּן קַאטְשְׁקֶעס אוּן אַזוֹי ווַייטֶער.

דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ ווַייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

עֶלְטֶערְן ווָאס ווִילְן זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, גוּטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, ווַייל חִינוּךְ אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע זַאךְ. חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁווֶערֶע עֲבוֹדָה, מֶען דַארְף ווִיסְן ווִיפִיל צוּ זָאגְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן, ווִי שְׁטְרֶענְג מֶען דַארְף גֵּיין וכו'; אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין כּוֹחוֹת אִין דִי קִינְדֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה, שְׁנַיידְט מֶען שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

דָאס ווָאס אִיר שְׁרַייבְּט: 'ווִיפִיל מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין מִיט גוּטְנְס וכו' גֵייט עֶס נִישְׁט'; אַסַאךְ מָאל, ווַייל מֶען גֶעבְּט אַסַאךְ גוּטְס, דַוְקָא דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְווָאס עֶס גֵייט נִישְׁט. מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער ווֶען זֵיי זֶענֶען יוּנְג - צוּ פָאלְגְן, ווֶען אַ קִינְד פָאלְגְט ווָאס מֶען הֵייסְט אִים, קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט דִי ווֶעלְט פַאר דֶעם; ווֶען אַ קִינְד עֶסְט אוֹיף דִי נַאכְטְמָאל אָדֶער נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי שְׁפִּילְצַייג וכו' קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט פַאר דֶעם אַ בַּאלוֹינוּנְג, אַ קִינְד דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, ווַייל מֶען דַארְף פָאלְגְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין: 'אוֹיבּ ווֶעסְטוּ פָאלְגְן...' אָדֶער: 'אוֹיבּ ווֶעסְטוּ נִישְׁט פָאלְגְן...'

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם אִים צוּ טְרָאגְן זֶען בַּעֲלֵי חַיִּים וכו'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעווֶען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עַמּוּד אוּן גְלַייךְ ווֶען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען גֵיין אַ גַאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווָאס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים ווָאס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַּרְדְּקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קֵיין חִילּוּק פוּן אַ קִינְד ווָאס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד ווָאס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז ווֶען אִיךְ זֶע אַ קִינְד ווָאס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ אַז אוֹיבּ עֶר ווֶעט לֶערְנֶען ווֶעל אִיךְ אִים ווַייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען מְשַׁחֵד זַיין קִינְדֶער מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים וכו' זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ג', מכתב ק"ע)

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן ווֶען מֵיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען נִישְׁט אִין בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעשְׁרִיבְּן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער מֵיינֶע קִינְדֶער ווָאס מֶען מַאכְט זֵיי פַאר פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין דִי מוֹסְדוֹת ווָאוּ זֵיי לֶערְנֶען כְּדֵי צוּ מַאכְן גֶעלְט אוֹיף זֵיי, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק זֵיי אַרַיינְשִׁיקְן אִין דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ מוֹסְדוֹת, אָבֶּער דֶערְווַייל ווִיל מַיין ווַייבּ נִישְׁט הֶערְן דֶערְפוּן.

אִיךְ פָאלְג ווָאס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן נִישְׁט זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט מַיין ווַייבּ, אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, ווָאס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן? מַיין הַארְץ גֵייט מִיר אוֹיס פַאר מֵיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אִין בֵּית פֵיגָא, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מֵיינֶע טֶעכְטֶער בַּיי דִי סְעוּדָה אַז שַׁבָּת אִיז דִי בֶּעסְטֶע טָאג פוּן דִי ווָאךְ, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז אוֹיךְ זוּנְטָאג אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע טָאג פוּן דִי ווָאךְ, ווַייל זוּנְטָאג אִיז אוֹיךְ נִישְׁטָא קֵיין סְקוּל...

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ ווִיל מֵיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן הָאבְּן דִי זִיסֶע לֶעבְּן ווָאס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים הֵיילִיגְן רַבִּי'ן, ווָאס קֶען אִיךְ טוּן?

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט דּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה הַשָּׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ", מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנ'עֶן אַז עֶס מוּז יֶעצְט זַיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי; דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט מִיט דֶעם ווָאס דוּ ווִילְסְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי לִמּוּדִים אַזוֹי ווִי דוּ לֶעבְּסְט, דוּ ווִילְסְט זֵיי זָאלְן אוֹיךְ לֶעבְּן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה מִיטְן אַייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט דַאנְקֶען דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן, מִיט רֶעדְן צוּם אַייבֶּערְשְׁטְן; אָבֶּער אַז דַיין ווַייבּ עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ, זִי ווִיל נִישְׁט הֶערְן פוּן גָארְנִישְׁט - זָאלְסְטוּ הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם.

דוּ ווָאוֹינְסְט דָאךְ סָמוּךְ וְנִרְאֶה צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רַבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער, גֵיי אַרוֹיף יֶעדְן טָאג דָארְט צוּם צִיּוּן אוּן בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיינֶע דּוֹרוֹת אוּן פַאר אַלֶע אִידְן; בַּיי אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. דֶערְצֵייל אַלֶעס ווָאס גֵייט אַרִיבֶּער מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ הֵיילִיגֶע חִינוּךְ,

אַן עֶרְלִיכְן חִנּוּךְ; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן אַלֶע דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ.

דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן; גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַ וַוייבּ דַארְף מֶען גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט – זָאלְסְטוּ אִיר בַּארוּאִיגְן, זָאג אִיר: "נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע, אִיךְ וֶועל דִיר אַלֶעס גֶעבְּן וָואס דוּ ווִילְסְט"; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אִין שְׁטוּבּ, עֶס וֶועט זַיין אַלֶע בְּרָכוֹת בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת וארא, שנת תשפ"ב)

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין בָּחוּר וָואס מַאכְט מִיךְ אַוֶועק כְּסֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, מַיין זוּן – אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער בָּחוּר – שְׁרַייט אוֹיף מִיר אוּן קְרִיטִיקִירְט מִיךְ; אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר קֶען טְרֶעפְן אַז אִיךְ פִיר זִיךְ עֶפֶּעס נִישְׁט אוֹיף וִוי דִי הֲלָכָה אִיז, לוֹיט זַיין פַארְשְׁטַאנְד – וֶועט עֶר מִיר גְלַייךְ פָּארְהַאלְטְן, אוּן עֶר הַאלְט מִיךְ אִין אֵיין אַוֶועקְמַאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס; וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט זִיךְ אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט אוֹיפְגֶעוֶועקְט; חִנּוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין, וֶוען זֵיי זֶענֶען צְוֵויי יָאר, דְרַיי יָאר, פִיר יָאר – דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ טַאטֶע מַאמֶע.

זֵייעֶר אַסַאךְ מַאכְן דֶעם טָעוּת, מֶען לָאזְט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן קְרוּם, מֶען לָאזְט זֵיי עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן מִיט חוּצְפָּה, מֶען זָאגְט: 'יֶעצְט זֶענֶען זֵיי נָאךְ קְלֵיין, מֶען דַארְף זֵיי נָאכְנִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין', אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף – הָאט מֶען צַעַר פוּן זֵיי.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט נָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ שוֹין אָנְהֵייבְּן זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ טַאטֶע מַאמֶע; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כג, יג–יד): "אַל תִּמְנַע מִנַּעַר מוּסָר", הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן זָאגְן מוּסָר פַאר דַיין קִינְד וֶוען עֶר אִיז יוּנְג, "כִּי תַכֶּנּוּ בַשֵּׁבֶט, לֹא יָמוּת", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אִים צוּ שְׁלָאגְן, עֶר וֶועט נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן אַ פַּאטְשׁ, "אַתָּה, בַּשֵּׁבֶט תַּכֶּנּוּ", דוּ זָאלְסְט אִים שְׁלָאגְן, "וְנַפְשׁוֹ, מִשְּׁאוֹל תַּצִּיל", אַזוֹי וֶועסְטוּ אִים רַאטֶעוֶוען פוּן גֵיהִנֹּם.

יוּנְגֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, קִינְדֶער דַארְפְן ווִיסְן אַז אַ טַאטֶע זָאגְט יָא – אִיז יָא, אַז אַ מַאמֶע זָאגְט נֵיין – אִיז נֵיין, אוּן אַז דָאס קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט – גֶעבְּט מֶען קְלֵיינֶע פֶּעטְשֶׁעלֶעךְ, אַזוֹי רַאטֶעוֶועט מֶען דָאס קִינְד פוּן שְׁלֶעכְטֶס, אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף גֶעזוּנְט.

יֶעצְט, וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער מִיט דַיין בָּחוּר אַז עֶר הַאלְט דִיךְ פָּאר אוּן רֶעדְט נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִיר; יֶעצְט אִיז שוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ שוֹין אַרְבֶּעטְן מִיט חָכְמָה; וֶוען עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן צוּ אַ טַאטֶע".

גְרִינְגֶער וֶועט דִיר זַיין זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר דַיין וַוייבּ; וֶוען דוּ הֶערְסְט אִים רֶעדְן נִישְׁט שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ – זָאלְסְטוּ אִים בַּאמֶערְקְן דֶערוֹיף אוּן זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ מַאמִי", אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר הֶעלְפְן, וֶוען זִי הֶערְט ווִי עֶר רֶעדְט צוּ דִיר נִישְׁט שֵׁיין זָאל זִי אִים זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ טַאטִי"; אִין יֶעדְנְפַאלְס זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ אַ טַאטֶע".

חִנּוּךְ אִיז פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ מִיט קִינְדֶער מְחוּצָפִים, עַזּוּת פֶּנִימְ'עֶר – וֵייסְט מֶען נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, רוֹב מָאל אִיז דָאס דִי עֶלְטֶערְנְ'ס פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער, אוּן וֶוען מֶען זֶעט קִינְדֶער בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ – אִיז דִי קְרֶעדִיט דִי עֶלְטֶערְנְ'ס. אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, א): "בֵּן חָכָם", אַ קְלוּג קִינְד, "מוּסַר אָב", אִיז וַוייל עֶר הָאט אַ טַאטֶע וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, "וְלֵץ", אוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען לֵצִים, "לֹא שָׁמַע גְּעָרָה", אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט קֵיין גֶעשְׁרֵיי, נָאךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (שָׁם כב, טו): "אִוֶּלֶת, קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן מִיט נַארִישֶׁע נַאטוּרְן, "שֵׁבֶט מוּסָר, יַרְחִיקֶנָּה מִמֶּנּוּ", אוּן מִיט שְׁטְרָאף נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

(קונטרס עצתו אמונה יום טוב סוכות, שנת תשפ"ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876